# דער קאראנט

וויליאמסבורג - קלינטאן היל - בעדפארד סטייוועסענט

ווינטער 2006 - 2007 ערשטע יארגאנג, נומער 3


## טרעפן א קאריעריע דורך די ווארקפארס דעוועלאפמענט

במשך די לעצטע אכט יאר האט די יו.דזשעי.א. אקטיוו געטרעינט סטודענטן אין אלגעמיינע ביזנעס פעאיגקייטן און ספעציעלע פאך קענטעניסן. מענטשן פון וויליאמסבורג און די אומגעגנט, ווי בארא פארק, קראונהייטס, מאנסי און מאנראו, האבן טייל גענומען און דערפאלגרייך געענדיגט קורסן אין "אי.עס.על. (ענגליש), אלגעמיינע קאמפיוטער קענטעניסן, ריעל עסטעיט, מייקראסאפט סערטיפיקעישאן פראגראם (פראגראמינג), סי.די.על. דרייווינג, קוויקבוקס (בוק-קיפינג פראגראם), און סעילס-טרעינינג.

די יו.דזשעי.א. האט אויך דערפאלגרייך אריינגעשטעלטע אסאך סטודענטן אין אנהייבער שטאפל און מער פארגעשריטענע ארבעט-פלעצער, דורכאויס די סיטי און אין לאקאלע פריוואטע ביזנעסער.

פאלגענד איז א שמועס וואס אונזער רעדאקטאר, מרס. לאוסאן, האט געהאט מיט איינעם פון אונזער געוועזענע דערפאלגרייכע ווארק-פארס דעוועלאפמענט גראדואנטן.

### וואס איז אייער איצטיגע ארבעט?

איך ארבעט אלס א דזשי.איי.עס. אנאליסט. דאס איז א קאמפיוטער טעכנאלאגיע וואס באהאנדעלט, אנאליזירט און פארשפרייטן געאגראפישע וויסנשאפט.

### ווי אזוי האסטו געטראפן די ארבעט?

איך בין פארבינדן געווארן מיטן ארבעט-געבער דורך די יו.דזשעי.א. ווארקפארס דעוועלאפמענט פראגראם.

### קענסטו ערקלערן ווי אזוי דו ביזט אנגעקומען אין די ווארקפארס דעוועלאפמענט פראגראם?

איך האב מיך אנגעשלאסן אין די ווארקפארס דעוועלאפמענט אין 00'. איך האב דעמאלט געהאט א משפחה פון פיר און איך האב נארוואס פארלוירן מיין ארבעט אלס ווערהאוז מענעדזשער. מיין ברודער האט געוואוסט פון די יו.דזשעי.א., און ער האט פארגעשלאגן אז איך זאל מיך אינטערעסירן וועלכע פראגראמען זיי באטן אן מיר צו העלפן טרעפן אן ארבעט.

איך בין קורץ דערנאך אריינגעגאנגען אין די יו.דזשעי.א. און געוואויר געווארן אז יענעם אווענט הייבן זיך אן די ווארקפארס דעוועלאפמענט קלאסן. נאך עס דורכרעדן מיט מיין ווייב, האב איך אנגעהויבן קלאסן יענעם אווענט.

### וועלכע קלאסן האסטו גענומען?

פאר צוויי חדשים האב איך נאר גענומען אי.עס.על. דערנאך האב איך פאר צען חדשים גענומען "עקסעס", "עס.קיו.על. סערווער" און "דאטא-בעיס דעזיין" קלאסן. דאס זענען געווען קענטעניסן פון וואס איך האב פריער נישט געהאט קיין שום אנונג, אבער איך בין געווען איבערראשט אז געוויסע פון מיינע געווענליכע פארשטאנד אייגנשאפטן זענען מיר געווען בייהילפיג אין פארשטיין די קאמפיוטער און אירע פונקציעס. במשך מיין יאר אלס א סטודענט האב איך אנגענומען נאך א טאג ארבעט, אבער איך האב זיכער געמאכט אז איך קען אוועקגיין 5:30 אנטיילצונעמען אין די יו.דזשעי.א. אווענט קלאסן.

ווייטער אויף זייט 7

---

## דעם פרעזידענט'ס ווינקל...

**א ווארט צו די ליינער.**

איך בין צופרידן פון די גרוסן וואס מיר הערן ב"ה צוריק. די אויסגאבע האט געצויגן די אינטערעסע פוןביידע, אייננוואוינער און די וואס שטייען צום ציבור'ס דינסט צוגלייך. עס דינט צו אינפארמירן דעם ציבור זיי זאלן מיטהאלטן די איצטיגע סאשעל סערוויסעס, און וועלכע נאך סערוויסעס עס קענען פארלאנגט ווערן.

צוגענליכע האוזינג איז אן אישו אין די גאנצע שטאט, און געוויס איז עס א ברענענדיגע טעמע דורכאויס די וויליאמסבורגער געמיינדע. ב"ה, דער ציבור וואקסט אויס די איצטיגע גרעניצן זייער שנעל. טראץ וואס קאנסטראקשען אין סאוט וויליאמסבורג גייט אן אויף א גרויסן פארנעם, איז עס דאך ווייט נישט גענוג מיטצוהאלטן מיטן וואקסנדן געברויך. נאכמער, און וויכטיגער, איז דער מאנגל אין "אפארדבעל האוזינג."

מיר האבן נאכאנאנד געארבעט פאר אפארדעבל האוזינג, און מיר זענען צופרידן צו זיין די ספאנסאר פונעם שעיפער פראיעקט. מיר זענען אויך פיאנערן פון א 60/40 % לאו-אינקאם וואס גרינפוינט-וויליאמסבורגער אקטיוויסטן האבן געזוכט נאכצוטאן. דער רעזולטאט איז געווען א נייער "ריזאונינג" געזעץ באשטאנד וואס פארלאנגט 33 % דירות זאלן זיין לאו-אינקאם.

אבער, דאס אלעס איז מינדערוויכטיג אין פארגלייך צום פארלאנג און געברויך. מיר זענען צופרידן אז די ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטי האט געמאלדן אז 22,000 נייע סעקשאן 8 וואוטשערס וועלן פארטיילט ווערן. דאס וועט העלפן פאמיליעס וועלכע וואוינען צוזאמענגעשטופט און וועלכע צאלן אוועק איבער העלפט פון זייערע פארדינסטן פאר האוזינג. עס וועט אויך העלפן טויזנטער פאמיליעס מיט בעסערע וואוינונג אומשטענדן.

מיר וועלן אי"ה ווייטער שווער ארבעטן פאר מער אפארדעבל האוזינג צו פארלייכטערן דעם אנגעשטרענגטן דירות מצב, און מיר זענען מתפלל אויף סייעתא דשמיא זען הצלחה.

*הק' משה דוד נידערמאן.*

---


U.S. Postage
**PAID**
Non-Profit
Organization



# The Current

**Christine Lawson**, *Editor*
**Graphics by T.S.G.** (347) 512-0556

**Volume 1 / Number 3 ~ Winter 2006/2007**

# וואַרקפאַרס דעוועלאַפּמענט

המשך פון זייט 8

**ביטע שילדער דיין אלגעמיינע ערפארונג מיט די (קורסן) פראגראם. ווי אזוי איז געווען די שטאב?**

איך האבן עכט הנאה געהאט פון מיין ערפארונג אין די פראגראם און איך האב געפילט אז איך האב מיר געשאפן נוצליכע קענטעניסן. איך האב אויך געשפירט אז די טיטשערס זענען געווען גוט. איין לערער האט געהאט פריערדיגע ערפארונגען אלס אקטיאר, און ער איז געווען זייער גוט אין זיינע ענגלישע אויסדרוקן. דאס איז מיר געווען בייהילפיג. צו קענען הערן און נאכמאכן די ענגליש איז גוט געווען פאר מיר אין אלגעמיין, זיך צו שפורן זיכער מיט די שפראך. דאס קען מאכן א שטארקער אונטערשיד ביים זוכן ארבעט.

**וואס פאר א שוועריקייטן אין דיין טעגליכן לעבן האסטו געהאט, אויב עפעס, בעת'ן אנטייל נעמען אין די פראגראם?**

איך האב נישט געהאט קיין ספעציעלע שוועריקייטן. עס האט יא עטוואס שווערער געמאכט אז איך בין געווען לענגער אוועק (פונדערהיים). אבער, איך האב געטראכט, "איך וויל דאס טאן, און עס טאן גוט." איך האלט אז די מענטאליטעט האט מיר געהאלפן דורכגיין א סיטואציע וואס וואלט אנדערש אויסגעזען לייכט אויפצוגעבן. היינט בין איך זייער צופרידן אז איך האב מיך געהאלטן.

**ווי לאנג האט גענומען צו באקומען דיין ארבעט נאך די פראגראם? ווי אזוי איז עס צוגעגאנגען?**

איך האב פאקטיש בכלל נישט געדארפט ווארטן בעפאר'ן ווערן אויפגענומען. איך בין גלייך פון די פראגראם געגאנגען צו אן ארבעט. עס האט זיך אזוי צוגעפירט אז די ווארקפארס דעוועלאפמענט שטאב אין די יו.דזשעי.א. האט געהאט א שייכות מיט מיין איצטיגן ארבעט-געבער, די סיטי'ס "דעפארטמענט פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע און טעלעקאמיוניקאציע" (די.א.איי.טי.טי.).

צוויי מענטשן פון די דעפארטמענט זענען געקומען רעדן צו די סטודענטן און מיטצוטיילן ווער און וואס זיי זענען. נאך אביסל קאמיוניקירן מיט די יו.דזשעי.א. ווארקפארס דעוועלאפמענט שטאב, די דעפארטמענט און איך, בין איך פארבעטן געווארן אנצוהייבן זיך צו לערנען די ארבעט איין מאל יעדע צוויי וואכן אין פרייטאגס.

איך האב עס געטאן פאר צוויי חדשים אן ווערן באצאלט. דעמאלט האבן איך גארנישט געוואוסט וועגן די ארבעט אליין, אבער איך האב שוין געהאט די דאטא-בעיס דעזיין קענטעניסן וואס איז געווען וויכטיג פאר מיר צו קענען זיין אין דעם פלאץ וואו איך דעמאלט געווען אלס אן אנהייב. דאס הייסט, איך האב מיך דארט געלערנט פאר אומזיסט. איך בין געווען צופרידן מיטן פאקט אז איך האבן קיינמאל נישט געהאט קיין פראבלעמען בשייכות מיט צייט-קאנפליקט אין פרייטאגס אדער ענליכעס.

**וואס איז נאכדעם געשען?**

אין בין געווארן אויפגענומען דורך א סוב-קאנטראקטאר פאר די דעפארטמענט, וויבאלד איך האבן נישט געהאט קיין שום דעגרי' אדער דיפלאמע וואס איז א "מוז" צו קענען ווערן אויפגענומען דורך סיי וועלכע שטאטישע אפטיילונג. במשך די צייט האב איך גענומען אן אוונט קלאס אין א הייסקול צוויי מאל א וואך פאר צוויי חדשים, זיך אנצוגרייטן צו נעמען די דזשי.אי.די. (אויך באוואוסט אלס הייסקול דיפלאמע) עקזאם. נאך וואס איך בין דורך דעם עקזאם בין איך אפיציעל אויפגענומען געווארן דורך די סיטי דירעקט. עס איז אויך ווערט צו דערמאנען אז איך האב געלערנט די דזשי.איי.עס. און אנדערע קאמפיוטער סיסטעם קורסן, וואס איז באצאלט געווארן דורך'ס סוב-קאנטראקטאר.

**די נוצט נאך אדער דו געדענקסט נאך די קענטעניסן וואס דו האסט באקומען פון די ווארקפארס דעוועלאפמענט פראגראם?**

יא, איך בין צופרידן צו זאגן אז איך קענען דעזיינען א דאטא-בעיס פון אנהייב. צומאל נוץ איך אויך "עקסעס." טראץ

ווייטער אויף זייט 6

# די סעקשאַן 8 נייעס

סעקשאן 8 - אויך באוואוסט אלס **"די האוזינג טשויס וואוטשער פראגראם"** - שטעלט צו געלט פאר רענט סובסידיעס פאר בארעכטיגטע לאו-אינקאם פאמיליעס, פאר אן אנשטענדיגע, זיכערע, און צוגענגליכע דירה. משפחות קענען אויסקלייבן דירות אין א געגנט פון זייער אויסוואל פון א לענדלארד וועלכער איז וויליג טיילצונעמען אין די פראגראם. רענט סובסידיעס אדער וואוטשערס ערמעגליכן פאמיליעס צו צאלן בלויז א פארהעלטנמעסיגן טייל פון זייער איינקונפט פאר רענט, בעת די פראגראם דעקט די איבעריגע.

די פראגראם איז אנדערש ווי די געווענליכע פובליק האוזינג אונטער וואס טענענטס ווערן צוגעטיילט דירות וואס געהערט צו די **ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטי** (נייטש"ע). אנשטאט, אונטער סעקשאן 8 דינגט דער געניסער א דירה וואס געהערט צו א פריוואטן לענדלארד. נייטש"ע'ס סעקשאן 8 פראגראם איז די גרעסטע אין די פאראייניגטע שטאטן, און עס פארפיגט מיט בערך 83,000 סעקשאן 8 וואוטשערס וועלכע באדינען 270,000 ניו יארקער. איבער 29,000 לענדלארדס נעמען איצט אנטייל אין די פראגראם.

געווענליך, לייגט נייטש"ע אוועק סעקשאן 8 וואוטשערס פאר עמוירדזשענסי אפליקאנטן. עמוירדזשענסי קעיסעס זענען: די וואס ווערן רעפארירט דורך די ניו יארק סיטי אדמיניסטראציע פאר קינדער סערוויסעס (עי.סי.עס.) די וועלכע זענען קוואליפיצירט אלס באדראעט צוליב משפחה אנגעלעגנהייטן.

אבער, נייטש"ע האט צוריקגעעפנט איר סעקשאן 8 וועיטינג ליסט און וועט אננעמען אפליקאציעס פון נישט-עמוירדזשענסי אפליקאנטן במשך ניינציג טעג - פון פעברואר 12 ביז מאי 14 למספרם - וואס ענדיגט זיך מאנטאג במדבר. נאך די צייט וועט נייטש"ע צוריק אננעמען אפליקאציעס בלויז פון עמוירדזשענסי אפליקאנטן.

ביז פעברואר 12 האט די יו.דזשעי.א. שוין געהאלפן נאנט צו צוויי טויזנט אפליקאנטן אויספולן זייערע אפליקאציעס, און וועט ווייטער העלפן דערמיט.

אפליקעישאנס קען מען נעמען ביי די פאלגנדע פלעצער:

**New York City Housing Authority**
P.O. Box 445
Church Street Station
New York, NY
10009-0445

אדער סיי וועלכע פון די פראדזשעקט אפיסעס:

**Taylor-Street-Wythe Avenue**
632 Wythe Place
718-782-9506

**Jonathan Williams Plaza**
227 Division Avenue
718-387-3838

**Independence**
119 Taylor Street
718-384-7777

**Berry Street-South 9th Street**
105 Tomkins Avenue
718-782-2920

**Marcy**
648 Park Avenue
718-875-7705

**Lafayette Gardens**
387 Lafayette Avenue
718-857-9790

שיקט אריין אייער סעקשאן 8 אפליקעישאן. נייטשע וועט בלויז אננעמען די נייע געלע אפליקאציע פארם, און וועט נישט אננעמען סיי וועלכע אפליקעישאן וואס מען טראגט אדער שיקט צו, צו זייערע אפיסעס. פערטיגע אפליקאציעס דארפן זיין פאסט-מארקד שפעטסטנס ביז מאי 14, 07 און אריינגעשיקט צום פאלגנדן אדרעס:

**New York City Housing Authority**
P.O. Box 445
Church Street Station
New York, NY
10008-0445

די פארדינסטן צו זיין בארעכטיגט פאר סעקשאן 8, לויט די גרויס פון די פאמיליע:

| | |
|---|---|
| 1 | $24,800 |
| 2 | $28,350 |
| 3 | $31,900 |
| 4 | $35,450 |
| 5 | $38,300 |
| 6 | $41,100 |
| 7 | $43,950 |
| 8 | $46,800 |
| 9 | $49,650 |
| 10 | $52,450 |
| 11 | $55,300 |
| 12 | $58,150 |

## ווארקפּארס דעוועלאפּמענט

המשך פון זייט 7

וואס איך נוץ נישט אלעס וואס איך האב געלערנט, קען איך נאך געדענקן רוב דערפון.

**איצט, קענסטו שילדערן דיין איצטיגן מצב, אין די ארבעט, לעבנסשטייגער, און דיינע צילן?**

בכלליות, בין איך זייער צופרידן אין מיין ארבעט און איך זע אז איך לעב ב״ה גוט. על פי רוב, דארף איך נישט לייען און איך בין נישט אנגעוויזן אויף רעגירונג פראגראמען. איך ארבעט אויך פארצוזעצן מיין דעגרי.

**וואס פאר א עצות קענסטו געבן פאר פאטענציעלע סטודענטן אין די ווארקפּארס פראגראם?**

טראכט ברייט און זייט אנטשלאסן צו ענדיגן די פראגראם. אדאפטירט דעם געדאנקנגאנג. עס העלפט זייער שטארק. אויך, נעמט די אי.עס.על. און מאטעמאטיק קורס. שטרעבט פאר א סטאבילע אנגייענדע ארבעט און/אדער ביזנעס. ווען איר חלומ׳ט וועגן גרויסע ביזנעס, געדענקט ׳איך קענט געווינען אין גרויסן, אבער איר קענט אויך אנזעצן אין גרויסן׳.

אהן אונטערגראבן אייער ענטוזיאזם, פרובירט צו לערנען רואיג און איינהאנדלען די נויטיגע ארבעט/קאריעריע אייגנשאפט צו פארזיכערן אייער צוקונפטיגע סטאביליטעט און א פארזיכערונג אויף נאכן פענסיאנירן, וואס איז די קריטישסטע.

## ״לעד״

די אישו פון לעד (בליי) און איר שעדליכקייט איז מסתמא באקאנט פאר רוב הויז אייגנטומער אדער די וואס דינגען דירות דורכאויס די סיטי. עס איז וויכטיג צו זיין אינפארמירט נישט בלויז וועגן די פיזישע און געאגראפישע אספעקטן פון לעד, אבער אויך א מענטש׳ס פאראנטווארטליכקייט זיך צו באשוצן קעגן די שעדליכקייטן. פאלגנד איז וויכטיגע אינפארמאציע צו פארשטיין די אישו פון לעד און ווי אזוי ריכטיג צו באהאנדלען מעגליכע סכנות.

### וואס איז לעד און וואו קען עס זיין?

בליי איז א שטארק גיפטיגער באשטאנד וואס געפינט זיך אפט אין ״לעד בעיסד״ פעינט און זאמד, וואס קען פארשטעלן אסאך געזונטהייט סכנות. צוריק אין די 20׳ער יארן האט מען שטארק געזוכט ״לעד בעיסד״ פעינט. די סיבה פאר איר אויפגעכאפטקייט איז געווען ווייל מ׳האט געוואוסט אז עס איז זייער דויערהאפטיג און דערפאר האלט זיך עס לענגער. אין צוגאב, האבן די ווענט דערמיט אויסגעזען שענער, ווי מיט געווענליכע פעינט.

עס איז וויכטיג צו וואוסן אז לעד קען זיך געפינען אין הייזער אין די סיטי, קאנטרי אדער סובארבס, אין דירות, איין פאמיליע הייזער, און סיי אין פריוואטע אדער פובליק האוזינג. עס קען זיך געפינען סיי אינעווייניג און סיי אינדרויסן פון די הויז, אין זאמד ארום א הויז, פון סיי וועלכע אויסערליכע פעינט אדער אנדערע פלעצער, ווי דער אמאליגער באנוץ פון ״לעדעד״ גאז אין קארס. אין אלגעמיין, ווי עלטער אייער דירה איז, אלס ווארשיינליכער איז עס צו האבן לעד בעיסד פעינט.

### בליי און אירע אפעקטן

לעד אפעקטירטביידע, קינדער און ערוואקסענע. אבער עס איז שעדליכער צו קינדער אונטער זעקס יאר און עס קען פאראורזאכן די פאלגנדע:

- שאדנס צו די נערוון סיסטעם אדער נירן
- לערנען דיסעביליטיס, **״אטענשאן דעפיסיט דיסארדער״**, און ווייניגער שכל, רעדן, שפראך און אויפפירונג פראבלעמען,
- שוואכע מוסקעלן קאארדינאציע
- נידריגערע מוסקעל און ביינער וואוקס
- הערן שאדנס.

אפילו קינדער וועלכע קוקן אויס געזונט קענען האבן מסוכן׳דיגע מאסן בליי אין זייער קערפער.

לעד גייט אריין אין די סיסטעם דורך אטעמען אדער איינשלינגען לעד שטויב, אדער דורך עסן זאמד אדער פעינט ברעקלעך וועלכע ענטהאלטן לעד.

### ווי אזוי צו אידענטיפיצירן לעד סכנות

לעד בעיסד פעינט איז געווענליך נישט קיין סכנה אויב עס איז אין א גוטן צושטאנד. אבער לעד פעינט וואס איז אין א שלעכטן צושטאנד, דורך זיך אפשיילן, אפרייבן, שפאלטן אדער עס ווערט קאליע, איז א סכנה. אויך איז עס שעדליך ווען עס איז אויף א פלאץ וואס קינדער קענען בייסן, און פעינט וואס ווערט אסאך אפגעריבן, ווי

- פענסטער און די פלעצער ארום פענסטער (סילס)
- טירן און טיר פרעימס
- טרעפ, די צוימען ביי די טרעפ, הענט אנכאפער און פארטשעס.

אבער, דער איינציגסטער וועג אויסצוגעפינען אויב עס איז דא פעינט, שטויב און זאמד לעד שעדליכקייטן איז דורכצופירן טעסטס דערפאר.

בלויז וואוסן אז א הויז האט לעד־בעיסד פעינט, זאגט נאכנישט אז עס איז שעדליך

איר קענט טעסטן אייער הויז פאר לעד אדער דורך א פעינט אינספעקציע אדער א ריזיקע אפשאצונג.

- נעמט אויף א געטרעינטער סערטיפייד טעסטינג פראפעסיענאל וועלכער וועט נוצן א רייע קראנטע מעטאדן.
- א ארומטראגנדע (פארטעבל) עקס־רעי פלאורענסענס מאשין (עקס.אר.עף.)
- לאבארטאריע טעסטס פון פעינט, שטוב און זאמד עקזעמפלארן.

עס זענען דא סטעיט און פעדעראלע פראגראמען צו פארזיכערן אז די טעסטס ווערן דורכגעפירט פארזיכערט, קראנט און ווירקזאם. פארבינדט אייך מיט אייער סטעיט אדער לאקאלע אגענטור פאר מער אינפארמאציע, אדער רופט **1-800-444-5323**

מ׳קען אויך באקומען **היים טעסט קיטס**, אבער זיי זענען נישט אלס פונקטליך. מ׳זאל זיך נישט פארלאזן אויף די קיטס בעפאר דורכפירן רענאוואציעס אדער צו פארזיכערן די זיכערהייט.

### וואס איר קענט איצט טאן צו פארזיכערן אייער משפחה

אויב איר פארדעכטיגט אז אייער היים האט א לעד געפאר, קענט איר נעמען עטליכע זאפארטיגע שריט צו רעדוצירן אייער משפחה׳ס ריזיקע.

- אויב איר דינגט די דירה, מעלדט דעם לענדלארד פון שיילנדע אדער אפרייבנדע פעינט
- רייניגט זאפארט אפ פעינט שטיקלעך
- רייניגט די פלאר, פענסטער פרעימס, און אנדערע פלאכע פלעצער וועכנטליך (נוצט א מאפ אדער א ספאנדזש מיט ווארים וואסער און אלגעמיין אל־פורפאס רייניגער וואס איז געמאכט ספעציעל פאר לעד)
- שווענקט גוט אפ די ספאנדזשעס און מאפס נאכן אפרייניגן שמוציגע אדער שטויביגע פלעצער
- וואשט אפ קינדער׳ס הענט אפט, ספעציעל בעפאר׳ן עסן און שלאפן גיין
- האלט די שפיל פלעצער זויבער. וואשט אפ קינדער׳ס באטלעך, צומיס, שפילצייגן און שפיל־חיה׳לעך רעגלמעסיג
- לאזט נישט קינדער קייען פענסטער סילס אדער אנדערע געפעינטע פלעצער
- רייניגט אפ אדער טוט אויס די שיך בעפאר׳ן אריינגיין אין אייער היים אויסצומיידן דאס אריינברענגן לעד פון זאמד
- מאכט זיכער אז אייערע קינדער עסן געזונטע לאופעט מאלצייטן וואס זענען הויך אין אייראן און קאלציום, ווי ספינאטש און מילכיגע פראדוקטן. קינדער מיט גוטע דיעטעס זאפן איין ווייניגער לעד

איר קענט צייטווייליג רעדוצירן לעד סכנות דורך נעמען שריט, ווי פאררעכטן געשעדיגטע געפעינטע פלעצער. אבער צו געהעריג רעדוצירן לעד שעדליכקייטן, דארף מען אויפנעמען א סערטיפייד לעד ״אבעיטמענט״ קאנטראקטאר. אבעיטמענט נעמט אריין באזייטיגן, גוט פארזיגלען, אדער צולייגן ספעציעלע מאטריאלן צו לעד־בעיסד פעינט. איינפאך איבערפעינטן די לעד פעינט מיט א געווענליכע פעינט איז נישט קיין פערמענאנטע באזייטיגונג.

### וואס די געזעצן זאגן

פעדעראלע געזעצן פארלאנגן אז מ׳זאל באקומען געוויסע אינפארמאציע בעפאר׳ן רענטן, קויפן אדער רענאווירן א דירה פון בעפאר 1978.

לענדלארדס דארפן איבערגעבן אינפארמאציע וואס זיי ווייסן וועגן לעד־בעיס פעינט סכנות בעפאר די ליעסעס גייען אריין אין קראפט. ליעסעס דארפן ענטהאלטן א **״דיסקלאזשור״** וועגן לעד־בעיסד פעינט.

פארקויפער דארפן מיטטיילן באוואוסטע אינפארמאציע וועגן לעד־בעיסד פעינט און לעד־בעיסד פעינט שעדליכקייטן בעפאר׳ן פארקויפן א הויז. פארקויף קאנטראקטן מוזן איינשליסן א ״דיסקלאזשור״ וועגן לעד־בעיסד פעינט. קויפער האבן ביז צען טעג צו זוכן צי ס׳איז דא לעד.

רענאווירער וועלכע צונעמען מער ווי צוויי סקווער פיס פון געפעינטע פלעצער מוזן צושטעלן געווענליכע איצטיגע עפנטליכע אינפארמאציע וועגן לעד און אירע שעדליכקייטן.